STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04360

# TSUM SHTEREN NOYD

Joseph Rolnick

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ראָלניק

# צום שטערן נויד

פערלאג „אידיש“ ניו יאָרק
תרפ"ב — 1922

1.

מיין אסיען זון איז אויפגעגאנגען
אום האלב נאכט, אום מיטען נאכט.
ביי מאלצייט טישען זיצען אלע
מיט טיר און לאדען צוגעמאכט.

פון הויכען באלקען לייכטען לאמפען
און אויף די טישען ברענען ליכט;
שלאף און אבאזשורען־שאטענס
ליעגט אויף יעדערענס געזיכט.

ווער וועט איצט מיין זון באגעג׳נען?
אויף וועמענס שטערען וועלען פאלען,
און וועמענס אויגען וועלען בענשען
איהרע אכיענדיגע שטראלען?

2.

דאס בלוט איז פון זיין הארץ גערונען,
ווען ער האט פון דער קארגער וועלט
דעם ערשטען בלאהען פרייז געוואונען, —
דאס איז געווען זיין אבצאל־געלט.

דעם צווייטען פרייז האט ער גענומען
און האט באצאלט דעם העכסטען פרייז:
א יונגער מאן ארייגעקומען
און איז ארויס א ווייסער גרייז.

און ווען ער האָט צולעצט געקראָגען
דעם לעצטען פּרייז, — האָט פאַר זיין שטוב
געוואַרט אַ שוואַרצער פערד־און־וואָגען,
וואָס האָבען איהם געפיהרט צום גרוב.

3.

וואונדערליכע לענדער,
וואונדערליכע טעג;
אין זון באַלויכט'נע שטונדען
ציהען אַהן אַ ברעג.

אויפ'ן מיטען הימעל
לאַנג די זון שוין שטעהט;
קיינער האָט נאָך קיינמאָל
געזעהן ווי זי פאַרגעהט.

ווייסע וועגען לויפען
אין דער אייביגקייט;
און די זון באַשטראַלט זיי
אויך אויף יענער זייט.

4.

מען זאָגט, אַז אין די לעצטע שטונדען
קומען איילענדיג צושוועבען
אַלץ וואָס איז געווען פאַרבונדען
מיט די יונגע טעג פון לעבען.

אזוי פאר מיינע אויגען קומען
פון קינדהייטס טיפע, שטילע גרונדען
פערלען־קרענץ ארויפגעשוואומען, —
זיינען דאס די לעצטע שטונדען ?

מען זאגט, אז אלע פיין און ליידען,
וואס האבען איהם צום בעט געבונדען,
פון אבגעצעהרטען גוף פערשיידען
אין די לעצטע לעבענס־שטונדען.

אויך איך האב אלעמען פארגעבען
אלע ביילען, אלע וואונדען;
אלע תביעות אויפגעגעבען, —
זיינען דאס די לעצטע שטונדען ?

5.

ווייל איך האב קיינמאל ניט געוויינט
און שטיל געשלונגען טרעהר נאך טרעהר, —
איז מיר דעריבער אזוי שווער.

ווייל ליידיג איז מיין נאכט־געצעלט,
גלייך ווי מיין הארץ איז וויסט און לעער, —
איז מיר דעריבער אזוי שווער.

ווייל אויף מיין מנחה קוקט ער ניט
און הבל'ס פעטס געפעהלט איהם מעהר, —
איז מיר דעריבער אזוי שווער.

6.

נעווען ביינאַכט אַ גרויסער ווינד,
געזונקען איז די שיף געשווינד;
גערעטעט האָבען זיך ניט פיעל
פון שטורעם, נאַכט און כוואַליעס־שפּיעל.

אַ בלייכער טאָג. מען זעהט קיין ברעג;
דאָס שיפעל טראָגט זיך אָהן אַ צוועק.
ביי זיך — סוכאַרעס קנאַפּ און נאַס
און וויין אַ ביסעל אין אַ פלאַש.

נאָך רייסט דער נעכטיגער געשריי
דאָס אַנגעליטענע האַרץ אויף צוויי;
און נאָכ'ן שיפעל יאָגט דער טוידט
מיט פליגלען זיבערע צושפּרייט.

און ער — ער טוט פון צייט צו צייט
אַ זופּ די רויטע פליסיגקייט, —
פאַרגלייכענדיג דעם זיסען טעם
מיט יענער ביטערניס פון ים.

7.

וואָס טהו איך, גאָט, מיט מיינע יאָהרען?
זיי האָבען זיך אין וועג צושטעלט
און לאָזען מיר ניט געהן, ניט פאָהרען
אין דער באַשיינטער ווייסער וועלט.

זיי האבען זיך צושפרייט, צושלאגנען,
ווי בוימער־קארטשעס אויף דער ערד,
און לאזען ניט א דורך דעם וואגען,
און שרעקען שווייגענדיג דעם פערד.

די וועלט איז ווייס. אין הימעל אויבען
איז אויסגעשנייט דער שטערען־שטעג;
נור פון דער ערד זיך בוימער הויבען
ווי יאהרען־קארטשעס אויף מיין וועג.

8.

אזוי ווי ער, — מיט קראנקע גלידער
ליעג איך צום קאלטען בעט געשמידט.
פון בוימער, בלומען, זונען, פרויען
געבליבען איז ביי מיר — א ליעד.

אזוי ווי ער. דערזעלבער מלאך,
וואס האט געשוועבט איבער זיין קאפ
די לעצטע טעג אין מאטיגנאן, —
לאזט זיך אמאל אויף מיר אראפ.

9.

דער הימעל הענגט אויף מיינע ברעמען,
אויף מיינע אקסלען רוהט די וועלט;
און איך אליין — נור אויף א ווייל
האב זיך דא אפרוהען געשטעלט.

און ווען מיין אויג זאָל זיך פאַרשליסען
ווערט זון, לבנה אָפּגעשטעלט;
און ווען מיין פּוס זאָל זיך אַ גליטש טאָן
ווערט אומפאַלען אַ גאַנצע וועלט.

10.

ווער וויים, אפשר טראַכטען די טישען,
די בענק וואָס מיר זיצען אויף זיי.
עס שעמט זיך דער שוועל וואָס מיר טרעטען,
עס טוט וועה אין בעטעל די שטרוי.

ווער וויים, אפשר יעטווידער שטיינדעל
און יעטווידער זעמדעל אויף דר'ערד
וואָס אונטער'ן טראָט וואָלט געשריען,
ווען גאָט וואָלט אַ שפּראַך איהם באַשערט.

און מיר, וואָס פאַרטויבען די הימלען
מיט אונזער געוויין און געשריי, —
מיר זיינען נור זאַמד אויף די וועגען
און געלע, צובראָכענע שטרוי.

11.

איך בויג מיין קאָפּ, אַ גאָט, פאַר דיר.
און פאַר דער לאַסט, וואָס אָנגעלייגט
האָסטו אויף מיינע פּלייצעס, גאָט,
מיין גאַנצער גוף זיך בויגט.

עס שווינדעלט מיר, ווי געהן וואלט איך
זיך לערנען אויף א שטריק;
מיט יעדען איינציג טראט פאראוים
באלד מאך איך צוויי צוריק.

ווי גראז אין פעלד, פון יעדען ווינד,
זיך בויגען, בויגען מיינע טריט.
ווי גראז אין פעלד, — דאך אומפאלען
דערלאזען ווילסטו ניט.

12.

דער לייב — פון בראנזע אויסגעשלאגען,
די גריווע הויך פון ווינד געטראגען,
און אויף די ליפען זידט דער שוים, —
די פים נור שטעקען טיעף אין ליים.

דער שטייפער קערפער אויסגעבויגען,
א יעדער מוסקול אנגעצויגען
און צו א ווייטען שפרונג געגרייט.
און ער — ער ריהרט זיך ניט פון קוויט.

אזוי שטעהט ער חדשים, יאהרען;
(מיין טיש זיין מדבר איז געווארען)
פארשטויבט, פארבלאטיגט פון דער צייט, —
און רייסט זיך, רייסט זיך ערגעץ ווייט...

13.

דער גאָט, וואָס האָט ביז איצטער
איז נויט מיך אויסגעהיט,
וועט אויך אויף ווייטער היטען
פון אומגליק מיינע טריט.

דער גוטער גאָט אין הימעל
וועט איצט נאָך בעסער זיין:
ער וועט זיין קינד, מיך פיהרען
צו זיך אין הויז אריין.

מיט אַלע גרויסע קינדער
מיך נעהמען אין זיין קלייד, —
א ליכט פון זיבען זונען
איז אויף גאָט׳ס קלייד פארשפרייט.

14.

דער האָט א גדר אויפגעשטעלט
צו אויפהאַלטען די טויטע וועלט;
און דער האָט אויסגעבויט א שול, —
זיין ליעב מאכט אַלע הייזער פול.

און איך, מיט הענד פארשמירט אין ליים,
איך געה מיר אויפבויען א היים,
א הויז פאַר וואכעדיגע זארגען.
וואָס ליגט גאָט אין דער הויז פארבארגען?

צו וועט מען דארטען שמחות מאכען,
צו וועלען דארטען קינדער לאכען,
און אפשר וועט מען גאר א טויטען
פון יענעם הויז ארויס באגלייטען?

און אפשר שוין ביי פענסטער שטעלען,
צו גאר ביים אויסלעגען די שוועלען, —
פון הימעל וועט אראפ א פייער
און צונעהמען וואס מיר איז טייער.

15.

## אַ שלאָס

טירען געשניצטע און הויכע,
פוסטע הויהל־הילכיגע זאלען,
שרייען, צוטראגען זיך עכאס,
ווי ס'וואלטע טראמפייטען געשאלען.

טונקעלע וועגד. פון סופיט איז
די שטוקאטור אפגעפאלען.
פענסטער, — ווי אייזערנע נעצען.
ווער האט באוואוינט אט די זאלען?

פירסטען מיט גאלדענע שפארען?
פריסטער געוויקעלט אין שווארצען, —
זעליגקייט, גאט אויף די ליפען,
ברודער־מארד, גיפט אין דעם הארצען?

אַט וועט אַ וואַנד זיך אַ רוק טאָן,
וועט מיינע אויגען דערשרעקען:
פּורפּורנע פּעצען, סקעלעטען,
שטיינער מיט בלוטיגע פלעקען.

16.

ניט זאָג: צו אונז וועט שלום זיין...
דער אומגליק וועט באַלד קומען.
דער קריג וועט זיין אין יעדען האַרץ,
אויף יעדען צונג און גומען.

די וועגען וועלען אָנפּילען
מלחמה קאַראַוואַנען
מיט רייטער, פוס־געהער און פערד
אין אייזערנע געשפּאַנען.

און ווייבער וועלען מענער, זיהן,
פון ש ט אַ ד ט ארויסבאַגלייטען,
און וויינען וועלען זיי, ווי ווען
מען טראָגט אַוועק אַ טויטען.

באַשיץ כאָטש, גאָט, מיין אייגען שטוב,
דיין צאָרן זאָל איהר מיידען. —
זי איז אַהן קריג — אויך פול מיט קריג,
מיט שרעקען און מיט ליידען.

17.

ניט טרוי דעם אומגליק אין זיין שלאף, —
עם דרעמעלט קיינמאל ניט גאטס שטראף.

— — — — — — — — — — — — —

אזוי ליינט זיך אמאל אוועק
א קאץ אין הייסע זומער טעג
ביים ראנד פון דאך. שטרעקט אויס די פיס,
ציהט אוים דעם האלז, — זי דרעמעלט זיס...
א פייגעל, נאריש, פונקט ווי מיר,
שוועבט זינגענדיג אראפ אויף איהר.
א בליק — און ס'האט די קאץ פארשלונגען
די פייגעלע, וואס האט געזונגען.

— — — — — — — — — — — — —

ניט טרוי דעם אומגליק אין זיין שלאף,
עם דרעמעלט קיינמאל ניט גאטס שטראף.

18.

פערציג כמארעס קלייבען זיך
אויף מיין אלטען קאפ, —
איינע וועט אראפפאלען
אויף מיין אלטען קאפ.

פערציג שווארצע ליילעכער
פלאטערען פאר מיין טיר, —
איינע וועט מיך צודעקען,
איינע איז פאר מיר.

פערציג גריבער עפענען
זיך פאר מיינע פיס, —
איינע וועט מיך איינשלינגען.
איינע וועט געוויס.

19.

ניט א ים מיט הויכע כוואליעס
האלט מיך צוגעשמידט צום ברעג,
ניט קיין פרעמדע הימלען ווארפען
אויף מיין שיפעל אן א שרעק.

נאר א שטעהענדיגער וואסער
מיט א גרינעם אויבער־הויט. —
פאר אזעלכע שימעל־טייכלאך
איז מיין שיפעל ניט געבויט...

זיץ איך אין מיין טשערעט־הייזעל
צעהל די נעכט און צעהל די טעג;
צעהל אין הימעל אויס די שטערען
און די זעמדעלאך ביים ברעג.

20.

אליין פון זיך וואוהין אנטלויפט מען,
ווי רייסט מען אויס די אייג'נע אויגען;
עס זאל דער צונג דעם ברודנעם נאפעל
פון דער אלטעגליכקייט ניט זויגען?

איך וואלט געוואלט, — אז ווי א שטערען,
וואס פאלט אין טיפען ים אריין,
זאל איך א בליץ טאן און ניט ווערען
צוזאמען מיט מיין קורצען שיין.

21.

א לעצטער אויף דער גרויסער שטוב
איז ער ארויסגעגאנגען.
שוין זעקס מאל פריהער איז די וויעג
אויפ'ן זעלבען קרוק געהאנגען.

ער האט א נאפעל קליין און דאר
ביי מאמע'ס ברוסט געביסען
און שפעטער פון דעם טאטענ'ס בארד
נאר ווייסע האר געריסען.

דעריבער איז ער אזוי פריה
אי אלט, אי וויים געווארען;
זיין יוגענד האבען אויסגעזויגט
זיין טאטענ'ס אלטע יאהרען.

22.

דער גאט צו וועלבען איך טהו דינען
קריכט גלייך ווי איך ארום אין שטייב:
ער נעהרט זיך מיט דעם רויך פון ווייראך.
און זעטיגט זיך מיט נאסען לייב.

זיין רייט וואָגן האָט פּלומפּע רעדער,
מיט קויט איז איינגעשפּריצט זיין פערד;
און אויף זיין וואָגשאָל׳ס פלאַכע טעלער
ציהט רק די נוצליכקייט צו דר׳ערד.

23.

טויזענד מענשען. קיינער, קיינער
האָט מיר גאָרנישט ניט געגעבען, —
ביז דו איינע ביזט געקומען
און אַ גאַנצע זון געגעבען.

עפּעס ווייסעס, יעדע ווייל'ע,
שוועבט אַ דורך פאַרביי די אויגען;
אַ פאַרוואָנדערלטער, אַ גוטער
קוק איך יעדען אין די אויגען.

34.

אויגען ניט צו מיר געווענדעט,
ליפּען — ניט צו מיר געלאַכט,
ווייסע הענד — פון מיר באַהאַלטען, —
און האָסט דאָך מיר טאָג געבראַכט.

האָסט אַ זון צו מיר אין האַרצען
אַריינגעלעגט — אַ זון די גרויס.
ווייסער טאָג איז מיר געוואָרען
ווען איך בין אין גאָס אַרויס.

און פון דעמאלט אן אין הארצען
וויל די זון ניט אונטערגעהן.
ווידער איז זי, ווי אין גבעון,
אויף דער נאכט געבליבען שטעהן.

25.

איך וועל זיך מיט האס פארבויען,
הויכע וועגט און פעסטע טירען.
שמייכלעריי און ליעבליכקייטען
זאלען זיי פון ארט ניט ריהרען.

און א שילד מיט שווארצע ווערטער
וועל איך אויפהענגען א גרויסען:
ווער עס וויל מתנות ברענגען
דער זאל בלייבען דרויסען.

26.

און ווען דער שווייגענדיגער קוטשער
וועט צופאהרען מיט פערד און וואגען
און אויפקייטלען פאר מיר די טירעל, —
פארביי מיר וועלען זיך דורכטראגען,

ווי אין א קירכליכער פראצעסיע,
באגלייט פון קירכליכע געזאנגען,
די יאהרען, וואכען, טעג וואס זיינען
אומזיסט געבארענע פארגאנגען.

נאָר ניט ווי אָפּגעקאַרגטע קוואַלען
און ניט ווי אָפּגעדאַרטע בלומען, —
ווי יונגע, ניט געניצטע זונען
אַנטקעגען וועלען זיי מיר קומען.

27.

נאַריש, כאָטש צום פעסט געלאַדען,
נאָר עס טראָגט דיך צו פריה אָן:
טישען שטעהען ניט געגרייטע,
מאַן און ווייב ניט אָנגעטאָן.

נאַרישער, ווען דו פאַרזאַמסט זיך:
קומסט צו גאָסט — עס איז צו שפּעט:
דינסטען ראַמען אָפּ די טישען,
מאַן און ווייב אַוועק צו בעט.

אין דעם בוך פון אַלע תּפלות
איז אַ קליינע תּפלה דאָ:
גאָט, לענק מיינע טריט, אַז קומען
זאָל איך אין דער רעכטער שעה.

28.

מיין גאַנצע שטוב איז פאַר דיר אָפען.
קענסט קומען עסען, טרינקען, שלאָפען;
קענסט קומען ווען דו ווילסט אַליין.

דו דארפסט ביי קיינעם זיך ניט פרעגען,
מיין וואונש וועט לויפען דיר אנטקעגען
און ווייזען ווי אריין צוגעהן.

קיין הונד ליגט ניט ביי מיינע טירען,
קיין פרעמדע אויג וועט ניט נאכשפירען
נאך דיינע נאכטליך שפעטע טריט.
ווי דו האסט נאר דיין הויז פארלאזען,
דעם שלאס פון טיר אראפגעלאזען, —
מיין הארץ געהט אומעטום דיר מיט.

א, קום צוגעהן אין נאכט און רעגען
און פון די אנגעווייקטע וועגען
ברייננ שווארצע, פייכטע ערד מיט זיך.
ווען דו וועסט מארגען פריה זיך קלייבען
צוריק אהיים — זאל דא כאטש בלייבען
א שווארצער פלעק פון דיינע שיך.

נאר אויב דו קענסט מיר גארנישט ברייגגען
טא זעה, — די שפיל־געצייג. עס הענגען
פארטרעטען, בילדער אויף די וואנד, —
צווייס א בילד, צוברעך דעם שפיגעל,
ביים גאלד׳נעם האן רייס אפ א פליגעל, —
א צייכען לאז פון דיינע הענד.

29.

איך בין אן אלטער, אלטער איד
און פאהר אהיים שוין פון יאריד.

אַביסעל קראַנק, אַביסעל מיעד ;
נאָר צום יאַריד דאָך האָב איך ניט.

איך האָב געהאַנדעלט מיט א וועלט,
אַמאָל מיט געלט, אַמאָל אָהן געלט,

געשעפטען אַלערליי געטריבען
און בין ביים שטעקען איצט געבליבען.

איך טראָג ניט קיין פאַרדרוס אויף קיינעם, —
דער מאַרק איז ניט פאַר יעדען איינעם...

איך אייל אַהיים. עס ווערט שוין שפּעט,
און אין דערהיים איז דאָ א בעט.

איך וועל אויף נאַכט אין בעט זיך לייגען,
דער שלאָף וועט צומאַכען די אויגען.

אָקסען, הענדלער, פערד און הינט
אַלץ פאַרגעסט זיך, אַלץ פאַרשווינדט — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

עס קען זיין נאָך מיין לעצטען וואָגען
וועט עמיצער א גוט וואָרט זאָגען.

איז גוט — אויב ניט — בין אויך צופרידען
אַבי ניט זיין מעהר אויף יאַרידען.

30.

צום שטערען נויד
איז מיין געבעט.
צום שטערען נויד —
אי פריה, אי שפעט.

דער שטערען נויד
היינגט איבער מיר.
דער שטערען נויד
וואכט איבער מיר.

דער שטערען נויד,
ער דרינגט אריין
דורך אלע ווענט
און שענקט זיין שיין.

און וועמענס זון
עס איז פארשטעלט,
און וועמענס ציעל
עס איז פארפעהלט, —

צום שטערען נויד
זאל זיין געבעט
ווי מיינע, זיין
אי פריה, אי שפעט —

## 31.

צוואַנציק יאָהר ארומגעוואַנדערט
און געזוכט אַלץ גליקליך־לעבען.
צוואַנציג שטיוועל־פּאָר צוריסען
און דעם וועג ניט אויפגעגעבען.

אָפט האָב איך אויף טיעפע ריצען
אין דעם זאַמד זיך אָנגעשלאָגען :
דאָ האָט גליקליך־לעבען נעכטען
אין זיין קאָטש זיך דורכגעטראָגען.

אויף אַ פעלד־פייער ניט איינמאָל,
אַ פארלאָזטען אָנגעטראָפען :
דאָ האָט גליקליך־לעבען נאַכט־מאָל
זאַט געגעסען, זיס געשלאָפען.

יעדע שטאָדט באַזוכט און שטעדטעל,
אָנגעקלאַפּט אין אַלע טירען :
איז ביי אייך דאָ גליקליך־לעבען,
קענט איהר מיך צו איהם ניט פיהרען ?

אַלע קענען גליקליך־לעבען !...
וואו איך בין נאָר אָנגעקומען
און געפרעגט אויף איהם, — דעמזעלבען
ענטפער אומעטום באַקומען :

„איז געווען. ווי דען, געהוליעט.
איז אַט ערשט אוועק פון דאַנען.

וועסט איהם אפשר נאָך דעריאָגען,
היים דיר פערד און וואָגען שפּאַנען."

צוואַנציג יאָהר אַלץ נאָכגעיאָגט איהם
און דעם וועג ניט אויפגעגעבען;
אויף דעם צוואַנציגסטען און איינעם
האָב דעריאָגט איך גליקליך־לעבען.

ביי איין אויסגעגאַנגענעם פייער,
וואו עס שיידען זיך די וועגען,
ווי דער שוואַרצער שייטער־הויפען,
איז ער טויט און קאַלט געלעגען.

32.

פערשלים דעם וועהטאָג אין דיין האַרץ.
ער זאָל דעם צונג ניט איבערשפּרייזען.
פאַרטרוי איהם ניט דיין ליעבסטען פריינד
און זאָלסט דער גאָס איהם ניט באַווייזען.

און ווען נאָך לאַנגע נעכט וועסטו
אויף איהם אַ קוק טאָן זיך פאַרגינען, —
אין האַרצענ'ס שענסטען קעמערל
וועסטו איהם פריש און יונג געפינען.

33.

אין חודש מאַרץ ניט געה אין געסט...
וועסט זיך פאַרזיצען ערגעץ שפּעט.

די הויז געזינד וועט דיך באַפאַלען
מיט גוטע רייד
און וועט פאַר דיר אַ בעט אויפשטעלען
מיט ריינע בעטציייג.
פון פרישקייט
וועלען זיך די טשיכען ברעכען
און דו, אַ „מאַרץ“ געפאַנגענער,
אַ גאַנצע נאַכט וועסטו ניט שלאָפען
וואַכענדיגערהייט
נאָך טאַליעס דינע
און צולאָזטע צעפּ.

*   *   *

און מאָרגען גאַנץ באַגינען,
מיט אויגען איינגעפאַלענע,
מיט אַן אַנגעשוואָלען האַרץ
וועסטו זיך שלעפּען... אַהיים...
מיט דעם קאַלטען וועג...

34.

איז דאָס די לאַנד דו האָסט פאַרשפּראָכען,
די נייע אויסגעבענקטע לאַנד?
ניט ווערט געווען די פערציג יאָהרען
פון וויסען, גליהענדיגען זאַמד.

ניט ווערט געוועזן די גרויסע דורשטען
און די מיראַזשען אויפ'ן וואַהר.
צוליעב אַביסעל מילך און האָניג
זאָל אומקומען אַ גאַנצער דור!...

35.

ווי נאָך אַ חתונה. עס קלינגט נאָך אַלץ אין אויער.
מיר דוכט זיך אַלץ, אַז אין דעם צווייטען חדר
שפּילט פידעל און קלאַרנעט, שפּילט פּליטע און באַנדורע
און ס'רוישען רחבת'דיג די ווייסע זייד'נע קליידער.

דאָך דאַרף איך נאָר די טיר אַז עפען טאָן, פערשווינדען
כלי־זמרים, קליידער, געסט און די פאַרפּוצטע כלה
זיצט ביי אַ ווייסען טיש, שטריקט עפּעס מיט די פינגער, —
אַ וואָכעדיגער טאָג, אַ טאָג אַזאַ ווי אַלע.

ווי נאָך אַ חתונה. אַ טאָג אַזאַ ווי אַלע.
די כלה זיצט און שטריקט אין וואָכעדיגען חדר.
דאָך שליסען ווידער זיך די אויגען: פידלען שפּילען
און ס'רוישען רחבת'דיג די ווייסע זייד'נע קליידער.

36.

איך בין אַ וועבער...
וואָס איך קריג נאָר אין דער האַנד, —
דאָס פאַרנעהם איך און איך וועב.

פריהער האָב איך בלאָהע אויגען,
לאַנגע צעפּ און קלאָהרע שמייכלען
ביי די פענסטער אויפגעזאַמעלט —
און געוועבט.

שפּעטער האָב איך האָס און פרעמדשאַפט,
שמייכלען גיפטיגע און דינע
ביי די טישלאַך אויפגעקליבען —
און געוועבט.

ווייסקייט, פּוסטקייט קלייב איך איצטער.
וואָכען, יאָהרען, אייביגקייטען
אויף די ווייסע ווינטער וועגען —
און איך וועב.

37.

פון מיין קוואַל די לאַגלען דיינע
פילען וויל איך ניט.
מיט מיין גוטס די קעמלען דיינע
לאַדען וויל איך ניט.

ווענסט זיך פאַר'ן מאַרק באַריהמען —
דו האָסט דאָס געבראַכט.
מלכי צדק וועט נאָך זאָגען:
איך האָב אברם רייך געמאַכט.

וואס איז מיר דיין האניג־צינגעל ?
וואס מיר דיין המשק געלד ?
אין מיין פאלמע'ס שאטען בין איך
רייכער פון דער גאנצער וועלט.

38.

ווען איך וואלט די טויען־שטונדען
ווידער אנכאפען געקענט,
כ'וואלט אין זיי מיין פנים וואשען —
מארגען טוי געווען אליין.

ווען איך וואלט די מזרח זונען
ווידער אנבליקען געקענט,
כ'וואלט אנטקעגען זיי געגאנגען —
מארגען זון געווען אליין.

נאכט און אונטערגאנג אנטקעגען
געה איך מיט געאיילטע טריט ;
שאטענס ליגען אויף מיין פנים —
אונטערגאנג בין איך אליין.

39.

עס זיינען לידער פיעלע דא
פון דורשט און זאט, געיעג און פאנג.
נאך אלע לידער קומט ד א ס ליעד
דאס לעצטע ליעד פון אונטערגאנג.

נעהענטער צו דיר, צו דיר
ציהט זיך מיין איינזאם נאכט־געזאנג.
פארנעהם, מיין גאָט, פון טיעפען גרונט
מיין טיעפע ליעד פון אונטערגאנג.

עס וועלען אנדערע מארגען פריה
דעם וואלד פארקלינגען מיט געזאנג.
דאָך איך זינג היינט די לעצטע נאכט
דאָס ליעד פון נאכט און אונטערגאנג.

40.

די פינגער איינגעגראָבען אין דער מוטער'ס ברוסט,
די אויגלאך לאָבענדיגע צו איהר מויל געווענדט
דאָס מיילכעל פעסט און פריש מיט מילך באַטויט, —
אַזוי אַט רוהט דאָס קינד ביי „מאַמע" אויף די הענד.

און פון דער גאס דער טאַטע קומט צוגעהן
און גיט דעם קינד אַ קוש און מיט אַ בליק
פיל טרעהרען קוקט ער אויף דער מוטער־פרוי, —
פון וואַנען גיט איהם גאָט אַזוי פיעל גליק?

41.

די שיפען ליעגען אויפ'ן דעק.
געבליבען איז אַ טשאָוועך־שלאַנג,
וואָס פיהרט אהיים מיין גאַנץ פאַרמעג.
איך בעט: דער וועג זאָל זיין ניט לאַנג.

צוויי הענד, צוויי פיס מיין גאנץ פארמעג
דער טשאַוועז ווארפט זיך היז און הער;
דאָך ברענגען וועט ער פֿארט צום ברעג.
איך בעט: דער וועג זאָל זיין ניט שווער.

42.

שוין יאָהרען לאַנגע, אַז איך טראַג זיך
צום אומגליק׳ס רייט־וואַגען געשמידט
דורך שטעדט און דערפער, מערק און גאַסען
און אַפּשמידען קען קיינער ניט.

דער אומגליק זיצט הויך אויף די קאַזלעס.
די פערד, זיי יאַגען ווי דער ווינד.
חלומות־קינדער אויף די וועגען —
דער וואַגען פאָהרט זיי איבער בלינד.

43.

## „ער“

נאַכט אין נאַכט. די פערטע נאַכט שוין
אין סטאַדאַליע פון די קיה
קומט דער „דאָמאַוויק“ צו פליהען,
זאַמט זיך דאָרט ביז אין דער פריה.

קיינער הערט קיין פרעמדע טריט ניט,
און עס סקריפּעט ניט די טיר.
קומט אריין — די שעהנסטע בהמה
קלייבט ער אוים און רייט אויף איהר.

אין דער פריה דערוויסט דער פויער
זיין האָדוליע דורך אין שוויים,
אויף איהר לייב צוויי שפּאַרען צייכענס
איינגעגראַבען ביז'ן פליישׁ.

קיינער רעדט ארוים זיין נאָמען
אנשטאָדט דעם — ווערט „ער" באַטאָנט;
און א פּחד פאַלט אויף יעדען
ווען עס ווערט פון „איהם" דערמאָנט.

44.

האָט דעם אַלטען וואַלד אַ שטורעם
אין סוף זומער דורכגעקרייצט
און מיט צווייגלאַך, גאָלד'נע בלעטער
וועג און סטעזשקעס איבערפליצט,
איך זאָל קענען פון זיי פלעכטען
צום סוף זומער מיין געצעלט?
מוז אַ שטורעם פאַר מיר גרייטען
צום סוף זומער מיין געצעלט?

זיינען פרעמדע אַנגעלאָפען
אויף אַן אָפּגעשניטען פעלד
און די קיילעכדיגע קערנער
אויסגעשאָטען אויפ'ן פעלד, —
איך זאָל קענען לקט קלייבען
וויפיעל נור מיין הארץ געלוסט?
האָבען קערנער, מיך צו זעטען,
פאַלען צו דער ערד געמוזט?